אין יעדן אידן, „עד שתהא שלהבת עולה מאלי׳״, ביז דער פלאַם איז אויפגעגאַנגען פון זיך אַליין. כל זמן דער „נר הוי׳״ פון די בריות דאַרף אָנקומען צו אהרן ער זאָל אים אָנ־צינדן — האָט מען נאָך צום תכלית ניט דערגרייכט. די עבודה דאַרף זיין: אָנצינדן די ליכט ביז דער פלאַם גייט אויף פון זיך אַליין; די ליכט דאַרף מען שוין מער ניט אָנצינדן, ווייל זי ברענט און לייכט שוין פון זיך אַליין.

ג. אין אָנצינדן די מנורה אין בית המקדש זיינען פאַראַן דריי דינים[10]: א) הדלקה כשרה בזר, אויך ניט קיין כהן איז כשר צו אָנצינדן די מנורה, ב) הטבת הנרות, דאָס צו־גרייטן די נרות מוז טאָן נאָר אַ כהן, ג) דער אָרט פון דער אָנגע־צונדענער מנורה איז דווקא אין היכל פון בית המקדש. איז פאַרשטאַנדיק אַז אויך אין אָנצינדן די רוחניות׳־דיקע מנורה, ד. ה. אין באַלייכטן די אידישע נשמות, זיינען פאַראַן די דאָזיקע דריי תנאים.

א) הדלקה כשרה בזר.

די עבודה פון פועל׳ן אויף אַ צווייטן און פאַרשפּרייטן די מעינות חוצה, איז ניט קיין עבודה פאַר בלויז יחידי סגולה. דאָס איז דער זכות און חוב פון יעדן אידן, ווי די משנה זאָגט צו יעדן אידן[11]: דו זאָלסט זיין פון די תלמידים פון אהרן. יעדער איינציקער איד דאַרף גיין אין דעם וועג פון אהרן הכהן, צו מקרב זיין די בריות צו תורה.

10) זע יומא כד, ב. רמב״ם הלכות ביאת המקדש פרק ט הלכה ז, ה.

11) זע הערה 5.

ב) אָבער די „הטבה״, צוגרייטן די נרות, דאָס קען טאָן נאָר אַ כהן.

מ׳קען דאָך מיינען: ווייבאַלד אַז דער עיקר איז צו פועל׳ן אויף אַ צווייטן, איז וועמען אַרט עס דורך וואָס און מיט וועלכן ענין איך וועל אים באַווירקן? איך וועל אים מסביר זיין אַן ענין אין תורה לויט מיין אייגענער הבנה וואָס איז צוגעפּאַסט צו זיין הבנה; איך וועל אויסקלייבן אַ דרך אין מצוות, וואָס איז צוגע־פּאַסט צו מיר און צו אים, וכדומה, און דורך דעם וועל איך פועל׳ן אויף דעם אַנדערן.

אויף דעם קומט די הוראה, אַז די הטבה, ד. ה. דאָס אַריינטאָן דעם בוימל און דעם קנייטל, די זאַכן וואָס דורך זיי צינדט מען אָן דעם נר, דאָס קען זיין נאָר דורך אַ כהן. ניט יעדער איינער קען און איז צו־געפּאַסט צו אויסקלייבן און צוגרייטן די זאַכן מיט וואָס צו אָנצינדן די ליכט פון אידן. בלויז אַ כהן קען דאָס טאָן.

דער ענין פון אַ כהן איז אַז ער האָט ניט קיין אייגענעם חלק ונחלה, נאָר „ה׳ הוא נחלתו״, און ווי דער רמב״ם שרייבט[12]: „אשר נדבה רוחו כו׳ להבדל״, אַז דער וואָס איז אָפּ־געשיידט פון וועלט־זאַכן און זיין גאַנצער ענין איז צו זיין באַהעפט צום אויבערשטן אים צו דינען, דווקא ער קען צוגרייטן די זאַכן מיט וואָס צו באַלייכטן די ליכט פון דער נשמה. און נאָכדעם ווי דער כהן גרייט צו דעם בוימל און דעם קנויט, דאַן ליגט אַ פליכט אויף יעדן איינציקן זיי אָנצוצינדן — צו פאַרשפּרייטן די דאָזיקע קוואַלן אויך אין דרויסן.

12) סוף הלכות שמיטה ויובל.